# יומא דהילולא

## די 'הייליגע ברידער' רייצעס הי"ד

### יומא דהילולא ערב חג השבועות - שנת תפ"ח לפ"ק

הרב יוסף נחמי' הכהן קוואדראט
עורך מגילת יוחסין לבית באבוב מהדו"ת
לונדון

**א מאדנער מנהג ~ משפחת רייצעס פון לבוב ~ א פרישער איינוואוינער אין לעמבערג ~ א נאציאנאלע אסיפה אין לעמבערג ~ מען הייסט ארעסטירן אלע רבנים און פרנסים ~ אין ארעסט ~ אין די וועלטליכע פרעסע ~ מען פייניגט די 'הייליגע ברידער' ~ דער פאררעט ~ דער אורטייל ~ ברודער, דו שעמסט דיך?! ~ רבי חיים'ס הספד ~ אויפ'ן שייטערהויפן ~ א באזארגטע מאמע ~ צו קבר ישראל ~ א הוראה פון רבי חיים**

## א מאדנער מנהג

געוועהן איז עס אין לעמבערג, בערך הונדערט און דרייסיג יאהר צוריק - ערב שבועות נאכמיטאג, ווען א אידישער איינוואוינער מיט זיין יונגן זוהן האבן זיך געמיטלעך שפאצירט אויף די 'שאָטטען גאס' (היינט: 'איוואַנאַ פעדאָראָוואַ') - וואס ציהט זיך פון די 'רוסקאַ גאס' ביז די 'נייע יודען גאס' ('סטאַראָ[1] יעווריעסקאַ'[2]) - און זיי האבן זיך איינגעדרייט צו א שמאלע דורכגאנג צווישן די הייזער, און פאר זיי האט זיך אנטפלעקט איינע פון די שענסטע שוהלן אין פוילן אין יענע עפאכע. די שוהל האט מען געהאט גערופן 'די טורי זהב שוהל' (די שוהל איז חרוב ונחרב געווארן דורך די נאציס ימ"ש ביי די צווייטע וועלט'ס-קריג, און היינט איז פארבליבן דערפון בלויז איין וואנט), און איז אויך געוועהן באקאנט אלס 'די גאלדענע רוזא שוהל', 'אלט-ניי שוהל' אדער 'די נחמן שוהל'[3].

אזוי ווי ס'איז געוועהן 'ערב שבועות', האט דאס יונגעלע ערווארטעט צו זעהן א באצירטן בית המדרש אין א יום טוב'דיגן שטימונג, ווי אויך האט ער זיך פארגעשטעלט אז אויפ'ן ארון הקודש וועט הענגען דער שיינער יום טוב'דיגער פרוכת. אבער דער ארון קודש האט ווייט נישט אזוי אויסגעזעהן. עס האט ניטאמאל געהאט דעם וואכעדיגן פרוכת. דער פרוכת איז געוועהן גענצליך אראפגענומען - א שטייגער ווי תשעה באב!



בילד פון א דוגמא פון 'די טורי זהב שול', א צייכענונג פון אינעווייניג

אזוי אריינקלערנדיג וואס דא גייט פאר, און זייענדיג פארזונקען אין זיינע געדאנקען, הערט דאס קינד ווי דער חזן מיט זיינע משוררים הייבן אָן זינגען. דאס יונגל וואונדערט זיך. איין מינוט, וואס זוכט דער חזן ביים עמוד ביי אן ערב

1 'סטאַראָ' מיינט אין פויליש = אלט. (היינט איז עס שוין די 'אלטע' יודען גאס...)

2 די גאסן געפונען זיך אינ'ם אלט'ן קווארטל פון לעמבערג, ביים גרעניץ פונ'ם רינעק/מארק. די דאזיגע דריי גאסן, האבן די דייטשן ימ"ש באשטימט פאר'ן לעמבערגער געטא ביי די צווייטע וועלטס-קריג.

3 די סיבה פאר די מאדנע נעמען איז אן ארטיקל פאר זיך - ואי"ה עוד חזון למועד.

יום טוב׳דיגע מנחה? זיין וואונדער איז פילפאכיג געשטיגן, ווען ער האט געהערט ווי דער חזן הייבט אָן זינגען - מיט א טרויעריגע שטימע - 'א-ל מלא רחמים'... ער לייגט צו אן אויער. ער מוז פארשטיין וואס דא גייט פאר. דער חזן זינגט ווייטער, און דער גאנצער פארזאמעלטער ציבור שטייט, טאקע יום טוב׳דיג אנגעטוהן, אבער זייער מוט זעהט עפעס איינגאנצן נישט אויס יום טוב׳דיג. דער חזן זינגט ווייטער... 'את נשמת האחים הרבנים החסידים הקדושים... שמסרו נפשם על קדושת השם הגדול והנורא באהבה גמורה... אדמו״ר ראש הישיבה... מורינו הרב ר׳ חיים... ואחיו רב קטינא... מורינו הרב ר׳ יהושע׳...

דער אמת איז, אז נישט נאר דאס יונגעלע האט זיך געוואונדערט, נאר יעדער איינער וואס הערט דאס וואס ער האט געזעהן, וואונדערט זיך אויך - וואס איז דא געשעהן?

די תשובה אויף דעם - גאנץ אין קורצן - איז: אט דער 'א-ל מלא רחמים', איז געזאגט געווארן פאר די נשמות פון די אומשולדיגע 'הייליגע רייצעס ברידער' הי״ד, וועלכע זענען אומגעברענגט געווארן על קדושת ה׳, צוליב א געמיינעם בלבול פון א משומד, דורך די בלוט דורשטיגע גלחים אין לעמבערג!

די געשיכטע וועלכע מיר ברענגען דא, איז א גאנץ באקאנטע, און איז אפילו געדרוקט געווארן גאנץ אפט אין די אידישע ליטעראטור[4]. דער פראבלעם איז נאר, אז די באקאנטע ווערסיע איז באזירט בלויז אויף דעם נוסח ווי אזוי עס איז געשילדערט אינ׳ם לעמבערגער פנקס[5], אויף דעם נוסח 'א-ל מלא רחמים' וואס מ׳האט יעדעס יאהר געזאגט אויף די צוויי ברידער, און אויף זייער נוסח המצבה.

ווען מיר האבן אנגעהויבן די ארבעט פון נאכפארשן די געשיכטע, האבן מיר געזעהן, אז די מעשה, טריקענערהייט ווי עס איז באקאנט, קלעבט עפעס נישט, און געוויסע פרטים שטימען נישט. און ס׳איז גאנץ פארשטענדליך פארוואס ס׳איז אזוי, ווייל ווי נישט ווי, איז שווער ארויסצודרינגען א גאנצע מעשה פון בלויז עטליכע זאצן פון א מצבה, וכדומה. דערפאר, כדי צו ברענגען פאר די חשוב׳ע ליינער א ברייטערע און מער קלארע בילד וואס ס׳איז דעמאלטס פארגעקומען, וועלן מיר שילדערן די פאסירונג, מיט פיל מער קאלירן, באזירט אויף אויף אסאך 'אנדערע' מקורות, ספרי קודש און להבדיל די לעמבערגער ארכיוון און צייטונגען פון יענע פעריאדע.

ווי איין פארשער שרייבט, איז אט די פאסירונג געוועהן אזא מין שאנדע פאר די קריסטליכע געמיינדע, אז ביז נישט לאנג צוריק האבן עס די גוי׳אישע פארשער באטראכט ווי א ווילדע לעגענדע, וואס די אידן האבן אויסגעטראכט מיט׳ן ציל צו באשמוצען די גויים. אבער ווי איר וועט זיך אליינס איבערצייגן, איז די פאסירונג ליידער שוין גארנישט קיין לעגענדע, און ווייט נישט קיין גוזמא.

אט די ביטערע געשיכטע פון די 'הייליגע רייצעס ברודער', האט זיך אפגעשפילט אין די שטאט לבוב - באקאנט אלס 'לעמבערג', מיט צוויי הונדערט פיהר און אכציג יאהר צוריק, אין די ספירה-טעג שנת תפ״ח לפ״ק.


מצבת קודש

מנוחת האחים הגאונים הקדושים ה״ה מוה׳ חיים רייצים ומוה׳ יהושע רייצים זצללה״ה אשר נהרגו על קדושת השם בערב שבועות תפ״ח לפ״ק:

מעשה נורא מאוד מאת האחים הקדושים הגאונים הגדולים החסידים מוה׳ חיים רייצים ומוה׳ יהושע רייצים בני הרב מוה׳ יצחק הלוי זלה״ה: העתק מהפינקס דחבורה הקדושה מפה.

העתק מפנקס ביהכ״נ הסמוכה ת״ה

אויסצוג פונ׳ם לעמבערגער פנקס - געדרוקט אין ספר 'מצבת קודש' מיט איבער הונדערט און פופציג יאהר צוריק

4 'הפלס' שנה שלישית (בערלין תרס״ג) עמוד 46; 'די קאלישער וואך' ערב שבועות תרפ״ט; 'דרכנו' שנת תרצ״ה גליון לד עמוד יב, ומשם הועתק פעמיים ל'דאס אידישע ווארט' שנת תשכ״ח גליון 125 עמוד 23, ושנת תשל״ו גליון 332 עמוד 35; 'דאס אידישע ליכט' (ירושלים, ניסן תשי״ב) עמוד 3, ועוד.

5 דאס ערשטע ארט וואו די פאסירונג איז געווארן געדרוקט, איז געוועהן אין ספר מצבת קודש, וועלכע ענטהאלט בעיקר נוסחאות פון מצבות פון דעם לעמבערגער בית החיים, און עטליכע חלקים פון דעם לעמבערגער פנקס. עס דארף באטאנט ווערן, אז דער ספר איז באקאנט אלס זעהר אומפונקטליך און פול מיט זיופים (צ.ב.ש. עס אנטהאלט נוסחאות פון מצבות וואס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן וכדומה, ואכ״מ).

## משפחת רייצעס מלבוב

לאמיר צוריקטרעטן אביסל פריער. אין יאהר תמ"ז לפ"ק, איז צו א איד מיט'ן נאמען ר' יצחק הלוי און זיין פרוי מרת רייצא[6], געבוירן געווארן א יונגעלע. ביים ברית האבן זיי אים א נאמען געגעבן 'חיים', נאך איר פאטער הגאון ר' חיים זצ"ל אבד"ק קאלאמייא - וועלכער איז שפעטער געווען דער ראש ישיבה אין לעמבערג. צעהן יאהר שפעטער, איז צו זיי געבוירן געווארן נאך א יונגעלע, וועמען זיי האבן א נאמען געגעבן 'יהושע', נאך איר זיידע - ר' חיים'ס פאטער - הגאון ר' יהושע חריף זצ"ל אבד"ק קראקא בעל מגיני שלמה.

כ"ק מרן אדמו"ר האמצעי זצ"ל הי"ד האט דערציילט, אז ער האט געהערט פון זיין פאטער כ"ק מרן אדמו"ר הראשון זצ"ל, אז די מוטער פון די צוויי ברידער איז געווען א מקשה לילד ביי זייער געבורט, און זי האט געהאט גרויסע יסורים. ווען די קינדער זענען געבוירן געווארן למזל טוב, האט זי ארויפגעלייגט אירע הענט אויף זייערע קעפ, און געזאגט מיט'ן גאנצן הארץ: 'איר זאלט זוכה זיין אומצוקומען אויף קידוש השם'. צוליב דעם זענען די צוויי ברידער אנגערופן געווארן אויפ'ן נאמען פון זייער מוטער - 'רייצאא'ס' (פרי הכרם' גליון ל"ה עמוד ה').

ר' יצחק האט נישט עספיעט צו זעהן צופיל נחת פון זיינע קינדער, ווערנדיג נפטר ווען זיי זענען נאך געווען יונג. די קינדער זענען אויפגעוואקסן אונטער די אויפזיכט פון זייער מוטער, און מען האט זיי טאקע גערופן על שמה, 'חיים רייצא'ס' און 'יהושע רייצא'ס'.

כשהגיע לפרקו, האט ר' חיים רייצא'ס חתונה געהאט מיט מרת ליבא (עס איז אונז נישט באקאנט ווער זי איז געווען), און שפעטער איז ער אויפגענומען געווארן אלס ראש ישיבה פוןביידע לעמבערגער קהלות קדושות[7]. אזוי אויך, האט זיך רבי חיים אפגעגעבן מיט'ן חינוך פון זיין יונגערן ברודער יהושע, און ער האט אים געפראוווט צו שאפן די בעסטע מלמדים. ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז דעם חכם צבי'ס זוהן - הגאון ר' יעקב עמדין זצ"ל - ווילט איינ'ס לעמבערגער ראיאן, האט ער זיך ביי אים געבעהטן צו קומען קיין לעמבערג, און לערנען מיט זיין יונגערן ברודער יהושע - ווי רבי יעקב עמדין זעלבסט שרייבט אין זיינע מעמוארן 'מגלת ספר'[8]: 'גם הרב הקדוש ר' חיים רייציש נתן עיניו בי להחזיקני שם, ביקש ממני שאקבע דירתי בלבוב, כדי ללמוד עם אחיו הרב הקדוש הי"ד'. דערנאך איז רבי חיים גערופן געווארן צו דינען אלס רב אין די שטאט קאמינקא (נעבן לעמבערג)[9].

דער יונגערער ברודער יהושע איז וועוועטועל געווארן א סוחר, אבער ער איז נישט געווען קיין פשוט'ער סוחר, און עס ווערט גאהר אנגעצייכנט, אז רבי יהושע פלעגט פאסטן הפסקות (משבת לשבת)! (עס איז כדאי צו פארצייכענען, אז רבי יהושע'ס זוהן, הגאון ר' מרדכי זצ"ל אבד"ק קאמינקא ור"מ לבוב, איז געווען דער פאטער פון הגאון ר' יצחק איציק זצ"ל, דער רב אין כעלם[10] און אין קראקא, אן איידעם ביי הגאון ר' אריי' ליב זצ"ל אבד"ק אמסטרדאם - דער עלטסטער איידעם פון הגאון בעל חכם צבי זצ"ל - וועלכער האט חתונה געהאט מיט זיין טאכטער הרבנית שרה לאה ע"ה).

ביי די ביידע ברידער האט געהערשט 'תורה וגדולה במקום אחד', און זיי זענען געווען וואויל באקאנט מיט די פילע צדקות וואס זיי האבן געטוהן. כ"ק מרן אדמו"ר זצ"ל האט דערציילט אין נאמען פון כ"ק מרן אדמו"ר האמצעי זצ"ל הי"ד, וועלכער האט געהערט פון כ"ק מרן אדמו"ר הראשון זצ"ל, אז רבי חיים האט צוליב זיין עשירות געפיהרט גרויסע געשעפטן מיט הויכע באאמטע אין די רעגירונג, און דאס האט גורם געווען אז די גלחים פון לעמבערג האבן אים שטארק מקנא געווען. דער פאקט, אז רבי חיים האט, טראץ זיין אידישן גלויבן, דערגרייכט אזא הויכן שטאפל אין די געזעלשאפט, האט צוגעברענגט אז זיי האבן שטענדיג געזוכט א געלעגנהייט אים צו דערנידערן און אומברענגען ('פרי הכרם' גליון ל"ה עמוד ה').

## א פרישער איינוואוינער אין לעמבערג

שנת תפ"ח לפ"ק, אדער אביסעלע פריער, האט זיך אין לעמבערג באזעצט א פרישער איינוואוינער. געקומען איז ער פון א פרעמדע שטאט און לאנד, און וויבאלד ער האט געהאט אונטער זיך אן אומאנגענעמע היסטאריע, האט ער געוואלט איבערמישן א בלעטל אין זיין לעבן, און אנהייבן פון פריש.

6 אינ'ם לעמבערגער ראיאן, האט מען מדגיש געווען דעם 'י' נאכ'ן אות 'ר', דעריבער הערט זיך עס ווי עס וואלט געווען געשריבן 'רֵייצָא' מיט א צירי, נישט ווי אין אנדערע טיילן אין גאליציע, וואו מ'זאגט רַייצָא און מען הערט שטארק ארויס דעם פתח (הנקרא 'פתח חריף'), אזוי ביי די נעמען אייזיק, פייבש, וכדומה. (וויבאלד דער צ' איז א שטארקע שוא [מעין שוא נע], לייגט מען צו אן א' צום סוף, אבער דער ארגינעלער נאמען איז 'רַייץ').

7 אין לעמבערג האבן עקזיסטירט צוויי קהלות - 'תוך העיר' און 'חוץ לעיר' (זעה בייגעלייגטע מאפע).

8 זיין פאטער דער חכם צבי האט משמש געווען ברבנות אין לעמבערג די לעצטע געציילטע מאנאטן פאר זיין פטירה - זעהט אונזער ארטיקל אין 'שערי ציון' גליון כ"ח (עמוד 86-87).

9 דאס איז א פאקט וואס ווערט נישט געברענגט דורך די וועלכע באשרייבן די געשיכטע, אבער אזוי שטעלט זיך קלאהר ארויס פון די לעמבערגער היכגעריכטליכע ארכיוון, וואו ער ווערט באטיטלט אלס 'קאמינקער ראבינער'. אויף זיין מצבה איז בלויז פארצייכנט דער פאקט אז ער איז געווען א ראש ישיבה אין לעמבערג, אבער ווי עס שיינט איז ער קודם געווען ראש ישיבה אין לעמבערג און הערשט נאכער איז ער געפאהרן דינען אלס רב אין קאמינקא. (ווען כ"ק מרן אדמו"ר זצ"ל פלעגט דערציילן דעם סיפור, האט ער יא דערמאנט אז איינער פון די ברידער איז געווען א רב אין די שטאט קאמינקא). א סיבה פארוואס עס ווערט נישט דערמאנט אויף זיין מצבה דער פאקט אז ער האט אויך געדינט אלס רב אין קאמינקא, קען זיין, אזוי ווי ער איז געקומען למנוחת עולמים אין לעמבערגער בית עלמין, האט מען געשריבן דעם טיטול וואס איז ביי זיי געווען חשוב'ער.

10 יא יא, די באקאנטע שטאט כעלם אין פוילן. דארט האבן פונקציאנירט 'אסאך' גדולי ישראל.




אן אלט בילד פון די שטאט לעמבערג

גוועהן איז ער א איד וואס האט זיך געהאט גע'שמד'ט רח"ל, און זיין קריסטליכער נאמען איז גוועהן 'יוהאַננעס פיליפאָוויטש'. ווי עס שיינט, האבן אים נישט לאנג דערויף ארומגענומען חרטה געפיהלן, און ער האט זיך שטארק געוואלט צוריקקערן צו זיינע עלטערנ'ס וועגן. אבער ווי באקאנט, איז אין יענע תקופה גוועהן אומלעגאל פאר א משומד זיך צוריקצוקערן צו זיין אידישן גלויבן, און איינער וואס איז געכאפט געווארן ביי אזא אקט, האט אים - און די וואס האבן אים געהאלפן - אפגעוואַרט דאס ערגסטע (ווי מיר וועלן באלד שילדערן).

אין יענע צייטן האבן אין די פוילישע קירכעס געהערשט א גרופע קריסטן, וועלכע רופן זיך 'יעזואיטן' ימ"ש, וואס ביז'ן היינטיגן טאג זענען זיי פון די געמיינסטע קריסטליכע אנטיסעמיטן ימש"ו, און עס קומט זיי אסאך 'קרעדיט' פאר די שרעקליכע רדיפות וואס זיי האבן איינגעטיילט פאר אונזערע אור-עלטערן! שנת תמ"א לפ"ק, האבן זיי געענדיגט אויפבויען א שלאס פאר זייער קירכע אין לעמבערג. אט די קירכע זעלבסט, האט איינגעטיילט פאר די אידן פון די גאנצע אומגעגנט ביטערע צרות, און די געשיכטע וואס מיר ברענגען דא איז נישט גוועהן די ערשטע און נישט די לעצטע!

אין לעמבערג האבן די יעזואיטן ימ"ש געהאט א באזונדערע שנאה צו די אידן. דאס איז צוליב, וואס דורכאויס א געוויסע תקופה, איז פאר די יעזואיטן געלונגען צו אנעקסירן די נארוואס געבויעטע 'טורי זהב שוהל', און נאך איידער זיי האבן עספּיעט אויסצופיהרן זייערע בייזוויליגע פלענער און עס ווירקליך איבערנעמען, איז געלונגען פאר די לעמבערגער אידן איר צוריק צו באקומען אין זייערע הענט - א דאנק די אידישע העלדין, באקאנט אלס די 'גאלדענע רוזא'[11]. נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, האבן זיי אויפגעבויט אן אייגענע געביידע, אין דעם אנדערן עק פון די שטאט. אט די קירכע האט שפעטער איינגעטיילט ביטערע צרות פאר די אידן פון די אומגעגנט. די געשיכטע וואס מיר ברענגען דא, איז נישט גוועהן די ערשטע און אויך נישט די לעצטע! עס זענען פאַרהאַן היסטאריקער וואס געבן אָן, אז טאקע אט די קירכע איז גוועהן די שולע וואס האט ערצויגן און געבילדעט דעם באקאנטן צורר היהודים 'באָגדאַן כמילנעצקי' ימ"ש - דער מייסטער מאסן מערדער וועלכער האט אנגעפיהרט מיט די בארבארישע רציחות אויף אונזערע אור עלטערן, בשנות ת"ח ות"ט לפ"ק.

צוריק צו אונזער בעל תשובה. ער האט גוט געוואוסט וואס זיין באשלוס באדייט, אבער דאך האט ער געוואלט

11 זי איז גוועהן די פרוי פון דעם פרנס און מנהיג פון לעמבערג, הקצין ר' נחמן שרענצילס ע"ה - זוהן פון דעם גרינדער און בויער פון די שוהל 'הקצין ר' איציק שרענצילס'.



די גאס וואס פיהרט צו די קירכע פון די יעזואיטן ימ"ש אין לעמבערג

תשובה טוהן. די איינציגסטע עצה וואס איז אים פארבליבן צו טוהן, אהן אויסשטיין די שרעקליכע נאכפאלגן פון אזא שריט, איז געווען איבערצולאזן זיין היימלאנד, און זיך אוועקציהען צו א פריש ארט וואו קיינער קען אים נישט - און אזוי האט ער געטוהן. ער האט זיך געצויגן קיין לעמבערג.

ס׳איז נישט קלאהר צי די לעמבערגער איינוואוינער האבן געוואוסט די היסטאריע פון דעם געוועזענעם משומד, און ס׳איז יתכן, אז אויב די פיהרער פון די קהלה וואלטן עס געוועהן געוואוסט, וואלט מען אים נישט אנגענומען אלס מיטגליד אין די קהלה[12], ווייל דאס שטעלט איין די גאנצע געמיינדע אין א טויטליכן געפאר.

אנקומענדיג קיין לעמבערג, האט ער זיך באזעצט אין א דירה פון אן ערל, א מעהלער, ׳מר. לוקאַש ווישניָאָווסקי׳, און ער האט זיך ביי יענעם אויסגעלערנט די קונץ פון מאלעווען. ער איז אבער נישט איינגעזיצן צו לאנג אין לעמבערג - ס׳קען זיין אז ער האט געשמעקט אז זיין סוד צופאלט זיך - און ער האט זיך געצויגן קיין דאָבראָמיל, דערנאך קיין דראהביטש, און פון דארט קיין סטריזוב.

## א נאציאנאלע אסיפה אין לעמבערג

פאר פסח שנת תפ״ח לפ״ק, איז אין לעמבערג פארגעקומען א ׳יום הוועד׳ - א פארזאמלונג פון רבנים און פארשטייער פון די אידישע קהלות אין מדינת רייסין (אין ספרים: ׳רוסיא האדומה׳, היינט: ׳מזרח אוקריינא׳, און באקאנט אלס: ׳מערב גאליציע׳). א קלארע רשימה פון די באטייליגטע ביי אט דעם אסיפה איז נישט פארהאן, אבער אין די דאקומענטן פון די ארכיוון, ווערן די פארזאמלטע, וועלכע זענען שפעטער אנגעקלאגט געווארן (זעה ווייטער), אדרעסירט אזוי:

1. משה פון לעמבערג - איינוואוינער פון די זאַרוואַנסקאַ גאס[13].
2. חיים - ראבינער אין קאמינקא.
3. חיים - ליזר׳ס זוהן - לאנדסראבינער[14] פון לעמבערג.
4. יהושע - ברודער פונ׳ם ראבינער פון קאמינקא.
5. די ראבינער און די געמיינדע-פארשטייער פון דראהביטש, פשעמישל, סטריא א.א.וו.

לאמיר פרואוון צוזאמען צו שטעלן כאטש א טיילווייזן בילד, ווער עס האט אלס געקענט זיצן ביי די אסיפה - דהיינו גדולי ישראל וועלכע האבן אין יענע תקופה געדינט אלס רבנים אין די פארשידענע קהלות פון די שטעט וואס האבן געהערט צו ׳מדינת רייסין׳:

1. דער קאמינקער רב, הגה״ר חיים הלוי רייצעס זצ״ל הי״ד, מלפנים ר״מ לבוב.
2. דער לעמבערגער רב, הגה״ר משה חיים זצ״ל, וועלכער

### הגאון ר׳ חיים לייזער׳ס זצ״ל

הגה״ר חיים לייזער׳ס זצ״ל איז געוועהן א זוהן פון הגאון ר׳ אלעזר זצ״ל - באקאנט אלס ׳רבי ליזר מענדיל׳ס פון לעמבערג׳, וועלכער איז געוועהן א זוהן פון הגאון ר׳ זכרי׳ מענדיל זצ״ל בעל באר היטב, ווען מענ׳ס פאטער איז געוועהן דער קראקאווער רב זצ״ל - ׳דער הויכער רבי ר׳ ליב׳. זיין מוטער איז געוועהן א טאכטער פון הגאון ר׳ פנחס משה חריף זצ״ל אבד״ק לעמבערג - באקאנט אלס דער מהר״ם חריף, אויך איז ער געוועהן אן אייניקל פונ׳ם מהר״ם לובלין. כשהגיע לפרקו, האט ער חתונה געהאט מיט זיין רעביצין הרבנית גיטל שרה ע״ה, וואס איר פאטער איז געוועהן הגאון ר׳ יהודה ליב זצ״ל ריש מתיבתא אין לעמבערג.

ביי ר׳ חיים ליזר׳ס האט זיך געפונען ׳תורה וגדולה במקום אחד׳, אזוי ווייט, אז אפילו נאכדעם ווי ער האט שוין געדינט אלס עמטליכער רב אין קאמארנא און אין זלאטשוב, געפונען מיר אז הגה״ר יעקב עמדין זצ״ל באטיטלט אים ׳הקצין ר׳ חיים ליזרס׳.

זיינע קינדער וואס זענען אונז באקאנט: הגאון ר׳ יעקב יצחק זצ״ל אבד״ק זאמושטץ - פאטער פון הגאון ר׳ יוסף הויכגעלערנטער זצ״ל בעמח״ס משנת חכמים, הר״ר אליעזר ע״ה, און א דריטער זוהן וועלכער איז געוועהן אן איידעם ביי הגאון בעל חכם צבי זצ״ל - חתונה האבנדיג מיט זיין טאכטער הרבנית לאה ע״ה. ר׳ חיים ליזר׳ס איז נפטר געווארן צווישן די יאהרן תקי״א-תקכ״ו לפ״ק, אבער ׳גענוי׳ ווען איז נישט באקאנט.

ווען הגה״ר חיים ליזרס זצ״ל האט געמוזט אנטלויפן פון לאנד, איז זיין רעביצין הרבנית גיטל שרה ע״ה געפאהרן קיין זאמושטץ - צו איר זוהן הגאון ר׳ יעקב יצחק זצ״ל דער דארטיגער רב. זי איז דארט שפעטער נפטר געווארן, מיטוואך ט״ו טבת שנת תקכ״ז לפ״ק.

12 מ׳האט געדארפט האבן רשות פון די ראשי הקהלה זיך צו קענען באזעצן אין א שטאט. זיי פלעגן אפשאצן יעדנס פארדינסטן און פארמעגן, און לויט דעם האט מען געדארפט צאהלן שטייערן פאר די קהלה.

13 די אויבנדערמאנטע ׳נייע יודען גאס׳.

14 רב המדינה, מדינת רייסין.

איז געווען באקאנט בשעתו אלס 'ר' חיים ליזריס'.

3. דער דראהביטשער רב, הג"ר יקותיאל זלמן הלוי זצ"ל - א זוהן פון הג"ר יוסף חריף זצ"ל.

4. דער פשעמישלער רב, הג"ר שמואל זצ"ל - אז זוהן פון הג"ר מענדיל פאטיקער זצ"ל אבד"ק ברעזאן.

5. דער סטריער רב (עס איז אונז נישט באקאנט ווער עס האט דאן פונקציאנירט דארט אלס רב).

6. דער בעלזער רב, הג"ר יצחק זצ"ל.

7. דער ריבישובער רב, הג"ר שמעלקא מרגליות זצ"ל.

8. דער זאלאזיצער און זבארובער רב, הג"ר רבי אהרן בעל מופת זצ"ל.

9. דער נאראלער רב (עס איז אונז נישט באקאנט ווער עס האט דאן פונקציאנירט דארט אלס רב. - ס'איז יתכן אז דאס איז געווען הג"ר אשר זצ"ל, איידעם פונ'ם מהר"ם טיקטין זצ"ל - דער זיידע פון הרה"ק ר' אשר'ל ראפשיצער זצ"ל).

10. דער זאלקאווער רב, הג"ר אברהם אבלי זצ"ל - א שוואגער מיט'ן תבואות שור.

11. דער זאלקאווער פארשטייער הקצין ר' איסרל[15] ע"ה.

12. דער טיסעמניצער רב, הג"ר יוסף הוליש זצ"ל.

13. דער לינסקער רב, הג"ר צבי הירש זצ"ל, זוהן פון הג"ר חיים זצ"ל אבד"ק קאלאמייא, און ממילא א פעטער פון די 'הייליגע ברידער'.

## מען הייסט ארעסטירן אלע רבנים און פרנסים

דעם בעל תשובה'ס סוד איז נישט געבליבן קיין געהיימניס אויף לאנג, און א געוויסער גוי'אישער שוסטער פון יארטשוב, האט עס געהאלטן פאר זעהר 'וויכטיג' צו גיין פאר'מסר'ן דעם 'בעל תשובה' צו די קריסטליכע אינסטאנצן אין סטריזוב. הערנדיג דאס, האבן די גלחים געעפנט אן אויספארשונג, און זיי זענען דערגאנגען אינ'ם ריכטיגקייט פון די קלאגע. מען האט דעם 'בעל תשובה' ארעסטירט, און אפגעפיהרט קיין אוניאיעוו[16]. פון דארט האט מען אים אפגעפיהרט צו די קירכע פון די 'יעזואיטן' אין לעמבערג, וואו עס האט פונקציאנירט אן 'אינקוויזיציע'.

די נייעס וועגן דעם אנקום פונ'ם ארעסטירטן בעל תשובה קיין לעמבערג איז באקאנט געווארן ביי די אויבנדערמאנטע אסיפה, און ווי נאר די רבנים און מנהיגי הקהלות האבן זיך דערוואוסט דערפון, האבן זיי גוט געוואוסט ווער עס וועלן זיין די קומענדיגע געזומען צו ווערן אויפ'ן צימבל, און דערפאר זענען זיי זיך אלע תיכף צולאפן און זיך

15 אין ספר 'עטרת צבי' (זאלקאווא תקי"ג) פון הג"ר נח צבי זצ"ל מ"מ דק"ק לבוב, ווערט ער באטיטלט: 'התייר הגדול הרב הפרנס מוהר"ר איסר ד"ל מק"ק זאלקווי'.

16 במשך די ימי הזעם האט די שטאט געהייסן 'ברוקשטאַדט'.

אויסבאהאלטן - עד יעבור זעם.

אינצווישן האבן זיך די אינקוויזיטארן גענומען צו דעם בעל תשובה'ס ביינער, און זיי האבן אים קלאר געלאזט וויסן וואס עס ווארט אים אפ אויב ער קערט זיך נישט צוריק צום קריסטליכן גלויבן. זייענדיג אונטער גרויס דרוק, האט זיך דער בעל תשובה געבראכן, און האט זיך צוריק דערקלערט אלס קריסט, מיט'ן אלטן קריסטליכן נאמען 'יאהאננעס פיליפאוויטש'.

אויב האט זיך 'פיליפאוויטש' איינגערעדט, אז דא האט זיך די פרשה געענדיגט, האט ער געהאט א 'גרויסן' טעות. די אינקוויזיטארן האבן דא געזוכט גרעסערע פיש, זיי האבן געזוכט די רבנים - 'זיי' זאלן זיך שמדי'ן רח"ל! וואס דאס וועט חלילה צו-ברענגען אז די אידן אין זייערע קהלות זאלן נאכגיין אין זייערע פיסטריט. און אפילו אויב עס וועט זיי נישט געלונגען, דאך, וועט דאס פייניגן און אומברענגען די רבנים, דערנידערן דעם מאראל פון די אידן. ממילא האבן זיי געוואלט וויסן ווער עס האט אים צוגערעדט צו באגיין דעם 'זינד'. פיליפאוויטש האט גע'יטענה'ט אז קיינער האט אים נישט צוגערעדט - ער האט עס געטוהן פון זיין אייגענעם געוויסן, אבער זיי זענען בכלל נישט געווען אינטערעסירט אין אזא סארט תירוץ.

די אינקוויזיטארן האבן אים אראפגעפיהרט אין די קעלערן[17] פון די קירכע, אים צוגעפיהרט צום אונטערערדישן פייניגונג-קאמער, און די סאדיסטן האבן זיך גענומען צו זיינע ביינער. עס האט נישט גענומען לאנג, און 'פיליפאוויטש' האט זיך 'געבראכן', און דערציילט פאר זיינע פייניגער די געשיכטע ווי אזוי עס איז אנגעבליך פארגעקומען: 'א איד מיט'ן נאמען משה[18] האט מיך אנגעגריפן, און מען האט מיך אריינגעווארפן אינ'ם קעלער פון קהל'ס געביידע, וואו זיי האבן מיט 'א הייליגע אויל(?)' אפגעוואשן דעם רויטן 'שתי וערב' פון מיין קערפער. אויך האבן זיי צושמעטערט דעם קרייץ וואס איך האב געהאט אנגעהאנגען אויפ'ן האלז'.

משה? וואס משה?! ווען משה?! די אינקוויזיטארן זענען נישט געווען אינטערעסירט אין קיין 'משה'. מען האט אים ווייטער געפייניגט, ביז ער האט זיך 'דערמאנט': יא! די אידישע רבנים האבן דעם משה'ן צוגעהאלפן, און 'זיי' האבן אים געצווינגען צוריק צו ווערן א איד...

ווי נאר דער לעמבערגער בירגערמייסטער, סטאַראָסטאַ[19] סטעפאן ימ"ש, פון די באקאנטע אריסטאקראטישע

17 די קעלערן זענען ברייט באקאנט עד היום הזה אלס 'אינטערגרונט לעוויוו' (בלע"ז: Underground Lviv), און מ'קען דארט היינט צוקומען. ווער ווייסט וויפיל אידן הי"ד זענען נעבעך דארט געפייניגט געווארן עד כלות! אויב מען געפונט זיך אין לעמבערג, וואלט אפשר געווען כדאי צו גיין באזוכן דאס ארט, און דארט זאגן א קאפיטל תהלים.

18 דאס איז דער אויבנדערמאנטער ר' משה פון די זאַרוואַנסקאַ גאס.

19 'סטאראסטא' איז א סלאווישע טיטל פאר א פירער. אין פוילן איז א 'סטאראסטא' געווען א קעניגליכער באאמטער.

ווי גרויס איז לעמבערג? פיל קלענער ווי עס קען זיך דאכטן. אט זענען עטליכע מאפעס, אלע אינ'ם זעלבן גרויסקייט פון שטח, וואס וועט שטעלן די גרויסקייט פונ'ם שטח אין פערספעקטיוו:



אלט-לעמבערג ווי עס האט אמאל אויסגעזעהן




אלט-לעמבערג ווי עס זעהט היינט אויס




א מאפע פון עטליכע גאסן אין בארא פארק (אלס דוגמא)

'פאטאצקי' פאמיליע, האט דאס דערהערט, האט ער ארויסגעגעבן א באפעל צו ארעסטירן די 'שולדיגע אידישע רבנים'. זיי האבן אבער שוין קיינעם נישט געפונען! די באהערדע האבן אבער נישט אזוי שנעל אויפגעגעבן, און זיי האבן זיך נישט אפגעשטעלט ביים זוכן בלויז אין לעמבערג זעלבסט, נאר האבן זיך ארויסגעלאזט זוכן די 'שולדיגע' אויך אין די ארומיגע שטעט.



פאלאץ פון דער פאטאצקי פאמיליע אין לעמבערג - ווי עס זעהט היינט אויס

## אין ארעסט

איינער פון די באאמטע פון די לעמבערגער קירכע, מיט'ן נאמען 'זדראַיאַווסקי', האט זיך געלאזט אין וועג אריין קיין זאלקאווא, אפירצוזוכן דעם לעמבערגער רב הג"ר חיים ליזר'ס זצ"ל, וועלכער האט - ווי די שמועה האט געליטעט - אהין געפליכטעט. ער האט אים אבער שוין דארט אויך נישט געפונען. צוריקקומען מיט ליידיגע הענט האט ער אבער נישט געוואלט, דערפאר האט ער דארט ארעסטירט ר' איסרל זאלקאווער - דער פארשטייער פון די זאלקאווער קהלה, און ר' חיים ליזר'ס מוטער. ער האט קאנפיסקירט זייער פארמעגן, צירינג, וועקסלען, און מזומן אין דעם ווערד פון זעקס טויזנט גולדן.

וואו איז טאקע דער לעמבערגער רב אנטלאפן? נישט האבנדיג צופיהל ברירות, איז ער אנטלאפן פון פוילן קיין האָטין (היינט חאטין) אין בעסאראביע, וועלכע איז געווען אונטער טערקישע הערשאפט (טייל פון די 'אטאמאן אימפעריע'). ר' חיים ליזר'ס איז שפעטער פאר'משפט געווארן למיתה אין זיין אפוועזנהייט, און ער איז צוליב דעם טאקע מער נישט צוריק געקומען קיין פוילן. אויך דער אויבנדערמאנטער באשולדיגטער, ר' משה פון לעמבערג, איז אהין אנטלאפן.

למעשה, איז זיי בלויז געלונגען צו ארעסטירן דעם קאמינקער רב הג"ר חיים הלוי רייצעס זצ"ל הי"ד,

זיין ברודער ר' יהושע הלוי רייצעס זצ"ל הי"ד, און דער שטעריפער[20] רב[21] זצ"ל.

## אין די וועלטליכע פרעסע

די נייעס איז נישט געבליבן אין לעמבערג. עס האט זיך שנעל פארשפרייט אין די אויסערליכע וועלט.

דער ווארשעווער קארעספאנדענט פון די 'פאַריזער צייטונג' האט געשריבן אין זיין קאלום: 'אין די טעג האט מען צוליב דעם שולד וואס א ראבינער האבן אומגעקערט א משומד צו אידישקייט, ארעסטירט צוויי פון זיי (=דער קאמינקער רב און דער שטעריפער רב)'.

ווידער אין דער 'בערלינישער פריוויליגירטע צייטונג'[22], האבן די שרייבער עס אביסעלע מער 'מרחיב' געווען - מיט פרישע איינצלהייטן: 'געוויסע אידן, אריינגערעכנט צוויי ראבינער, זענען ארעסטירט געווארן אויפ'ן שולד פון 'גניבה', און אויפ'ן שולד אז זיי האבן ארויסגעשמוגלט א לעצטנס געווארענער משומד קיין חאָטין, טערקיי, און אים דארט איבערגערעדט זיך צוריק מגייר צו זיין'.

צוליב א מאנגל און באווייזן, האבן די באהערדע שפעטער געמוזט באפרייען רבי חיים ליזר'ס מוטער. ווידער פאר'ן שטעריפער רב איז געלונגען זיך ארויסצוכאפן פון די תפיסה, און ער איז ווי פארשטענדליך אויך אנטלאפן פון לעמבערג.

## מען פייניגט די 'הייליגע ברידער'

יעצט האבן די אינקוויזיטארן געדארפט צוזאמען שטעלן עפעס א מעשה. זיי האבן דאך גוט געוואוסט ווי קראנט פיליפאוויטש'ענס געשיכטע איז! דערפאר האט אויסגעפעהלט, אז די 'רייצעס ברודער' זאלן 'מודה' זיין אין זייערע פארברעכנס, ווייל די הודאה האט שטארק אויסגעפעלט צו קענען אויפווייזן זייער 'שולד' אין געריכט. כמובן, אז אהן א 'הודאה' איז געווען אסאך שווערער אויפצואווייזן דעם 'שולד' פון די אנגעקלאגטע, פאר'ן ריכטער.

מיט ברוטאלע פייניגונגען, האבן די סאדיסטן געפרואווט ארויס צו ציהען א 'הודאה' פון די 'רייצעס ברודער'. גאנצע פערציג טעג האט מען זיי געפייניגט, אבער זיי האבן זיך נישט געהאלטן ביים אונטערגעבן, און מודה זיין אין א געמיינע בלבול וואס האט מיט זיין קיין פארבינדונג נישט געהאט.

20 שטעריף, שטערזיץ אדער שצערזעץ (בלע"ז Szczerzec) איז א פארשטאט פון לעמבערג. די שטאט איז אויך דער געבורטסארט פונ'ם פרי מגדים - הגאון ר' יוסף תאומים זצ"ל אבד"ק פראנקפורט-דאדער, ווי ער שרייבט צום סוף פון זיין הקדמה צו זיין 'ספר נוטריקן'.

21 זיין נאמען איז אונז לעת עתה אומבאקאנט.

22 א באקאנטע דייטשע צייטונג. א תקופה שפעטער האט זיך דער נאמען פון די דעם צייטונג געטוישט צו 'וואסישע צייטונג'. עס איז ארויסגעקומען ביז געציילטע יאהרן פאר די צווייטע וועלטס-קריג.



די קעלערן אונטער די לעמבערגער גאסן - אין וועלכע מ'האט געפייניגט די 'הייליגע ברודער' הי"ד

פסח בייאנאכט, אין די תפיסה, אינצווישן די פילע עינויים קשים וואס די צוויי 'הייליגע ברידער' זענען נעבעך אדורכגעגאנגען, האט ר' יהושע זיך געווענדן צו זיין עלטערער ברודער, און אים געפרעגט מיט וואונדער: 'פארוואס פונקט אינ'ם יום טוב פסח, ווען אלע אידן פייערן דעם יום טוב ווען דער אייבערשטער האט געטוהן מיט אונז אזויפיהל נסים ונפלאות, זיצן מיר נעבעך דא אין ארעסט, און עס ווערט פארגאסן אזויפיהל אידיש בלוט?'. האט אים רבי חיים געענטפערט, מיט די הייליגע רייד פון דעם מדרש[23]: 'על מנת כן הוצאתי אתכם ממצרים, שתמסרו עצמכם לקדש את שמי' - צוליב דעם האב אייך ארויסגעצויגן פון מצרים, אז איר זאלט אייך מוסר נפש זיין צו פארהייליגן מיין נאמען. און רבי חיים האט אויסגעפיהרט: 'מיר האבן דאך יעצט די זכי' מקיים צו זיין דעם תנאי'[24].

דערווייל האבן זיך די גלחים געפונען אין א פארלעגנהייט, ווייל אהן קיין הודאה פון די באשולדיגטע, איז פיליפאוויטש דער איינציגער באשולדיגער, און דער פראבלעם איז, אז פיליפאוויטש ווייסט נישט ווער עס זענען די רבנים - וועמען ער האט באשולדיגט אז זיי האבן אנגעבליך געצווינגען זיך צוריקצוקערן צו אידישקייט. בכלל האבן זיי געהאט א פראבלעם, אז פיליפאוויטש האט דאך בכלל נישט געוואוסט וועלכע רבנים עס איז געלונגען פאר די גלחים צו ארעסטירן, און וועמען זיי האבן נאך געהאט אין ארעסט, ממילא האט ער דאך נישט געוואוסט וועמען ס'פעהלט אויס צו באשולדיגן. דערפאר זענען די באהערדע געווען פארנומען צו טראכטן אן אופן, ווי אזוי מ'קען צוזאמענברענגען פיליפאוויטש מיט די באשולדיגטע רבנים, און אזוי וועט מען קענען עפעס ארויסבאקומען פון אים.

## דער פאראאט

זעהענדיג דעם גרויסן פראבלעם וואס שטייט פאר די 'אינקוויזיציע', איז דער ארכיבישאף אויפגעקומען מיט א

23 פסיקתא זוטרתא, ויקרא, פ' אמור.

24 'דאס אידישע ליכט' (ירושלים, ניסן תשי"ב).

לעזונג - מען וועט מאכן א 'ליין-אַפּ'. ער האט ארויסגעגעבן א באפעל, אז אלע חשוב'ע לעמבערגער אידן מוזן זיך אויסשטעלן אין צוויי רייעס, און ער מיט'ן משומד וועלן אדורכגיין דורך די צוויי שורות, און דער משומד וועט אנצייגן ווער עס זענען די 'שולדיגע'. מ'האט טאקע אזוי געטוהן, אבער צו זיין באדויערן האט דער משומד - ווי פארשטענדליך - קיינעם נישט דערקענט.

זעהענדיג דאס, האט רבי חיים רייצעס זיך געוואנדן צום ארכיבישאף, זאגנדיג אין די לאטיינישע שפראך: 'אויב אזוי? פארוואס האט מען אונז אזויפיהל געפייניגט?!'

ווי נאר רבי חיים האט פארענדיגט זיינע רייד, האט זיך דער משומד מיט אמאל 'דערמאנט': יא! טאקע ער און זיין ברודער וואס שטייט נעבן אים, 'זיי' זענען די שולדיגע! ער האט זיי פארראטן. די באאמטע זענען ארויפגעשפרונגען אויף די צוויי ברידער, ארייגעהאקט אין זיי מכות רצח, מ'האט זיי געקייטלט, און צוריק אריינגעזעצט אין קרימינאל.

## דער אורטייל

יעצט אז פיליפאוויטש ווייסט וועמען צו באשולדיגן, זענען די גלחים שוין געוועהן גרייט צום פראצעס. פארשטייט זיך אז מ'איז נישט געגאנגען אינ'ם שטעטישן געריכט, נאר די גלחים האבן צוזאמענגעשטעלט אן אייגענעם געריכט, וואו די ריכטער זענען געוועהן:

1. סטאניסלאוו יאבלאנאווסקי ימ"ש - גובערנאטאר פון מדינת רייסין.
2. יאנוש ווישניאווסקי ימ"ש - קאשטעלאן פון קראקא.
3. סטעפאן הומיציקי ימ"ש - גובערנאטאר פון מדינת פאדאליא.
4. סטעפאן פאטאצקי ימ"ש - דער (אויבנדערמאנטער) בירגערמייסטער פון לעמבערג.

אויף די אגענדע איז געוועהן, צו משפט'ן די זעקס שולדיגער:

1. דער משומד - יאהאננאס פיליפאוויטש, שר"י.

און להבדיל

2-3. די 'הייליגע ברידער' - רבי חיים און ר' יהושע רייצעס הי"ד.

4. דער לעמבערגער רב - רבי חיים ליזר'ס זצ"ל.

5. דער שטעריפער רב זצ"ל.

6. א לעמבערגער איינוואוינער - ר' משה ז"ל.

הגם די לעצטע דריי זענען נישט געוועהן אנוועזנד - ווי דערמאנט זענען זיי דאך אנטלאפן - דאך האט מען זיי אויך פאר'משפט, אין פאל מען וועט זיי כאפן.

זייענדיג בלינדע אנטיסעמיטן, האבן זיי ווי פארשטענדליך 'איינגעזעהן' די 'שולד' פון אלע אנגעקלאגטע, און האבן ארויסגעגעבן זייערע טויט אורטיילן:

דער משומד יאהאננעס פיליפאוויטש: 'מען זאל אים הענגען, און דערנאך זאל זיין מען זיין טויטן קערפער פארברענען'.

רבי חיים ליזר'ס: 'מען זאל פארברענען זיינע הענט, אפזעגן זיינע פיס, און דערנאך אפהאקן זיין קאפ, און דאן זאל מען זיין קערפער פארברענען אויפ'ן שייטערהויפן'.

די 'הייליגע ברודער' רבי חיים און ר' יהושע רייצעס, דער שטעריפער רב און ר' משה: 'מען זאל זיי ארויסרייסן די צונג מיט גאפלעך, צושניידן זייער קערפער אויף חלקים, און זיי פארברענען אויפ'ן שייטערהויפן'.




אן אלטע מאפע פון די שטאט לעמבערג, ווי עס האט אויסגעזעהן שנת תק"ל לפ"ק (למס' 1770), צוויי און פערציג יאהר נאכדעם ווי אונזער געשיכטע האט זיך אפגעשפילט

דער אורטייל איז באשטימט געווארן אויסגעפיהרט צו ווערן, דאנערשטיג ערב שבועות - ה' סיון, שנת תפ״ח לפ״ק.

ר' יהושע איז נעבעך אומגעקומען אין תפיסה, הי״ד[25].

א 'יעזואיט' פון די לעמבערגער קירכע האט אין יענע תקופה דערציילט, אז דריי טעג פאר'ן אויספיהרן דעם פסק, איז א גלח מיט'ן נאמען 'זאלטאוואסקי' ימ״ש געקומען צו רבי חיים רייצעס אין תפיסה, און דורכאויס די דריי טעג האט ער אים געפרואווט איבערצייגן אז ער זאל זיך ח״ו שמד'ן, און מען וועט אים דערפאר פארגרינגערן זיין שטראף. אבער ווי דער גלח האט זיך דערנאך אויסגעדרוקט מיט וואונדער: 'גארנישט האט געווירקט, איבערצודרייען דעם קראפט פון זיין הארץ'.

## ברודער, דו שעמסט דיך?

ערב שבועות, האבן די באאמטע אויפגעשטעלט א הויכע פלאטפארמע ביים ווינקל פון די גאסן 'ראסקא' און 'סערבסקא', אין מזרח זייט פון דעם לעמבערגער רינעק - מארק, כדי אז אלע פארזאמעלטע פון די שטאט און די אומגעגנט זאלן קענען מיטהאלטן.



בילד פון דאס ארט וואו דער 'אויטא-דא-פע' איז פארגעקומען

געבליבן אויסצופיהרן דעם הארבן פסק, איז נאר אויף איינעם - רבי חיים רייצעס. וויבאלד די גלחים האבן אבער אויך געהאט דעם אומגעקומענעם קערפער פונ'ם יונגערן ברודער ר' יהושע הי״ד, האבן זיי באשלאסן אויסצוגיסן זייער כעס אויך אויף אים. די בארבארן האבן גענומען זיין קערפער, און האבן אדורך געלעכערט די פיס, זיי צוגעבינדן צו די שוואנץ פון עטליכע פערד, און אים אזוי ארומגעפיהרט די שטאט אין בלאטיגע און שטיינערנע וועגן.

כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א זאגט נאך פון זיין טאטן כ״ק מרן אדמו״ר זצ״ל (בסעודת ראש חודש אדר, עש״ק פרשת תרומה שנת תשע״ב לפ״ק), אז ווי נאר רבי חיים האט צוגעזעהן וואס מען טוט צו זיין יונגערן ברודער, ווי ר' יהושע'ס גוף ווערט ארומגעווארפן אין די גאסן, און דאס קערפער האט זיך געהאט איבערגעדרייט מיט'ן פנים אויף אראפ - צו דער ערד, האט זיך רבי חיים אנגערופן צו זיין ברודער: 'יהושע! דו שעמסט דיך?' און תיכף האט זיך דער קערפער געגעבן א דריי איבער - מיט'ן פנים אויף ארויף!

## רבי חיים'ס הספד

דערוויל האט מען צוגעפיהרט רבי חיים צו די פלאטפארמע, אבער אזוי ווי עס איז שוין געווען נאכמיטאג, האט רבי חיים נאך געוואלט אריינכאפן איין לעצטע תפלה, האט ער זיך געשטעלט דאווענען מנחה. אויפ'ן וועג איז מען אדורך געפאהרן דאס אידישע בית עלמין, האט רבי חיים אנגעהויבן זאגן 'בקול איום ונורא' די ברכה 'אתה גבור לעולם ד' מחיי מתים ברחמים רבים...'



צייכענונג פון דאס הויז ביים ווינקל, וואו דער 'אויטא-דא-פע' איז פארגעקומען

25 ווי הג"ר משה חאגיז זצ"ל שרייבט אין זיין ספר משנת חכמים: 'ואחר שראה (=הג"ר חיים) את אחיו החסיד מוהר"ר יהושע זצ"ל שמת בבית האסורין עמו, ונגזר עליו לנקוב ערקובי רגליו ולקשרם בזנבי הסוסים, כדי שילכו הלוך וסחוב שנגרר על כל אשפה וטיט, התפלל (=הג"ר חיים) מנחה והצדיק עליו את הדין'. און אזוי ווערט להבדיל אויך געברענגט אין די 'בערלינישער פריוויליגירטע צייטונג' און אין דעם 'יוזעאיטשען קראניקל'. אויך ווערט דאס דערמאנט אינ'ם ספעציעל פארפאסטן נוסח פון 'א-ל מלא רחמים': 'וירא זבוח לפניו שוע הבן מר ינוקא לאמו, כשקשרוהו בזנבי הסוס נתן נפשו (=הג"ר חיים) לה' באהבה גמורה, כשהולכוהו לפני בית החיים כיון לבו לשמים, והתחיל בקול איום ונורא לאמר תפלת אתה גבור להיות לו שם קבורה, ווי ווי צוח בתמרורים שלא ראה ילדי עבריים, וישקף לשמש שהתחיל לנטות ערב התפלל מנחה, עיניו למטה ולבו למעלה - זאת תורה העולה'.

בשעת רבי חיים איז געווען אין דער הייעך אויף די בימה, און האט צוגעקוקט וואס מען טוט מיט זיין יונגערן ברודער, האט ער אים מספיד געווען[26]: '...חכמינו ז"ל זאגן אין מסכת מנחות (דף כ"ט ע"ב), ווען הקדוש ברוך הוא האט געוויזן משה רבינו ווי מען פייניגט דעם הייליגן תנא רבי עקיבא וועלכער איז אומגעקומען על קדושת השם, האט זיך משה רבינו אנגערופן צו כביכול, 'זו תורה וזו שכרה?', האט אים דער אייבערשטער געענטפערט: 'שתוק! כך עלה במחשבה'. אלע וואונדערן זיך אויף אט די תשובה, עס פארענטפערט דאך נישט די קשיא.





פרשת בראשית נב

שער-בלאט פון ספר 'פרחי שושנים', און אן אויסצוג פונ'ם ספר

26 אזוי ווערט געברענגט אין ספר 'פרחי שושנים' (איסטאנבול תצ"ד) דף נ"ב ע"א.

האט רבי חיים געגעבן צו פארשטיין דאס ענין אזוי: מיר ווייסן וואס רבי אבהו לערנט ארויס פונ'ם פסוק 'צדיק מושל יראת אלקים' (מועד קטן דף ט"ז ע"ב), אז דער רבונו של עולם זאגט, 'ווער געוועלטיגט איבער מיר? דער צדיק! איך בין גוזר א גזירה, און דער צדיק איז עס מבטל'. האט משה רבינו געפרעגט, 'זו תורה וזו שכרה' - פארוואס האט דער 'צדיק' רבי עקיבא נישט געקענט מבטל זיין די גזירה? נאר ווי אזוי ווערט דער צדיק געוואויר פון די גזירה? ווען דער באשעפער גיט ארויס א גזירה 'עוף השמים יוליך הקול' - פיהרן די פייגל אין הימל ארום די 'שטימע' פון די גזירה, און ווען די צדיקים ווערן געוואויר דערפון קענען זיי עס מבטל זיין. אבער צומאהל איז דער רבונו של עולם גוזר א גזירה, און ער וויל נישט אז די צדיקים זאלן עס מבטל זיין, דעמאלטס בלייבט די גזירה נאר אין כביכול'ס מחשבה, און עס איז באהאלטן פון די פייגל. דאס איז די כוונה וואס הקב"ה האט אים געענטפערט, 'כך עלה במחשבה' - דאס איז געבליבן אין מיין מחשבה, ממילא האבן די פייגל נישט געוואוסט פון די גזירה, און דערפאר האט עס רבי עקיבא נישט געקענט מבטל זיין'...[27]

דערנאך האט רבי חיים ממשיך געווען, ער האט זיך מתוודה געווען, מצדיק געווען אויף זיך דעם דין, און מסביר געווען אז די עונשים קומען אים 'מדה כנגד מדה', זאגנדיג[28]:

'דאס וואס מען האט מיך פאראורטיילט אז מ'זאל אפשניידן מיינע הענט - איז ווייל זיי האבן אפגעציילט געלט צו די גוי'אישע באאמטע, כדי צו באקומען א רבנות-שטעלע[29].

'דאס וואס איך בין פאראורטיילט געווארן אז מען זאל פון מיר ארויסשניידן די צונג - איז ווייל איך האב מיך אויסגעלערנט לאטייניש און אנדערע גוי'אישע שפראכן[30]'.

27 עס בלייבט נאך אלס שווער דאס שארפע לשון 'שתוק!'. עס קען זיין, אז דער רבונו של עולם האט מיט דעם געוואלט זיכער מאכן אז משה רבינו איז נישט מבטל די גזירה, דערפאר האט ער צום ערשט געזאגט 'שתוק', און דערנאך געענטפערט 'כך עלה במחשבה'. אלס סיבה פארוואס השי"ת האט נישט געוואלט אז מ'זאל מבטל זיין די גזירה, קען אנגעגעבן ווערן דאס וואס די גמרא ברענגט אין מסכת ברכות (דף ס"א ע"ב), אז ווען מ'האט געפייניגט רבי עקיבא, האט רבי עקיבא מקבל געווען אויף זיך עול מלכות שמים, האבן אים די תלמידים געפרעגט: 'רבינו עד כאן?', האט זיי רבי עקיבא געענטפערט: 'כל ימי הייתי מצטער על פסוק זה 'בכל נפשך - אפילו נוטל את נפשך', אמרתי, מתי יבא לידי ואקיימנו, ועכשיו שבא לידי לא אקיימנו?'. זעהט מען דערפון, אז רבי עקיבא האט אלעמאל געוואלט מקיים זיין דעם 'ובכל נפשך - אפילו נוטל את נפשך' (יוב"ה).

28 אזוי שרייבט הג"ר משה חאגיז זצ"ל אין זיין ספר משנת חכמים (וואנדסבעק תצ"ג) דף פ"ה אות ת"ה - א יאהר נאך די מעשה.

29 דאס איז מעגליך געווען ביי די פרשה פון דאס רבנות צווישן הג"ר ליב זצ"ל חתן בעל חכם צבי זצ"ל און הגאון בעל פני יהושע זצ"ל, ווי הג"ר יעקב עמדין זצ"ל ברענגט עס איז זיין ספר מגילת ספר (ואכהמ"ל). אין 'פרי הכרם' (גליון ל"ה עמוד ה') ווערט געברענגט, אז כ"ק מרן אדמו"ר זצ"ל האט נאכדערציילט, אז די פרשה וואס האט זיך אפגעשפילט מיט'ן געקויפטן רבנות איז געווען ווי פאלגנד: עטליכע יאהר פאר די מעשה מיט'ן משומד, האט דער גובערנאטער פון לעמבערג געוואלט באשטימען אלץ רב אין די שטאט, איינעם וואס מ'האט מרנן געוועהן אויף אים אז ער איז א קל במצוות. האבן די ערליכע ראשי קהלה פון לעמבערג זיך געבעהטן ביי הגאון ר' חיים רייצא'ס זצ"ל, אז ער זאל טוהן כל מיני השתדלות צו ווערן אויפגענומען אלס לעמבערגער רב - אנשטאטס יענעם. רבי חיים האט דעמאלטס געשאנקען א גרויסן סכום געלט פאר'ן גובערנאטער, פאר דעם צוועק.

30 ווי דערמאנט, האט אים זיין קענטעניס אין די לאטיינישע שפראך פארראטן, ווען ער האט זיך באנוצט דערמיט פארצוואווארפן דעם גלח זיין אומשולד.

׳דאס וואס איך בין פאראורטיילט געווארן אז מען זאל מיר צושמעטערן מיין מוח - איז ווייל איך האב מהרהר געווען אין וועלטליכע זאכן אנשטאטס דברי תורה, און דאס איז אויך די סיבה פארוואס מען האט מיך פאראורטיילט ארויסצושניידן מיין הארץ לעבעדיגערהייט׳.

׳און מיין קערפער זאל פארברענט ווערן - ווייל דער גוף איז שולדיג אין אלעם!׳׳


ספר
משנת חכמים
חלק ראשון ׳ וגם שני שבראשון ׳ מלקט הקמח ׳ זה יצא ראשונה :
להבין אמרי בינה :
רשנו חכמים בלשון המשנה ׳ הנה תפוכינה ׳ ידיד תבאינה : כנגד מעלת אלה הדברים ארבעים ושמנה ׳ מעלות לקניית התורה ׳ שקבל משה מסיני אשר היתה לו למנה ׳ את משנ״ה התורה הזאת ׳ חקרה וגם הכינה ׳ במרכבת תשמ״ה ׳ דהיא העולה על כלנה ׳ ויאמר לאדם הן יראת ה׳ היא חכמה ׳ וסור מרע בינה :
ברוך שבחר בהם ובמשנתם ׳ סחורה ואתננה :
קדש לה׳
זו נשמת חסידים
רשנו כאן חכמים ׳ ולשם ה׳ כבכורה בתאנה ׳ עיניך תחזינה ׳ משרים בראשונה :
אז ראה ויספרה ׳ ולמה לי מניינא :
ברוך ה׳ אלהי ישראל מן העולם ועד העולם :
נדפס בק״ק וואנזיבעק יע״א :
בבית המדפיס הר״ר ישראל בר אברהם ז״ל :
בשנת פיה פתחה בחכמה לפ״ק :


המעלה הי״ז במיעוט סחורה פה

שער-בלאט פון ספר משנת חכמים׳, און אן אויסצוג פונים ספר

ווען רבי חיים האט צוגעענדיגט זיינע רייד, האט ער זיך געבעהטן אז די אידן זאלן זיך אפלערנען פון דעם, זיך צו דערוויטערן פון די אלע עבירות[31].

נאכ׳ן זאגן דעם הספד, האט רבי חיים געשריבן א צוואה, און ער האט גע׳חתמ׳ט זיין נאמען מיט׳ן טיטל ׳הקדוש׳ - וואס איז באשטימט פאר ׳קדושים׳ וועלכע האבן מקדש געווען שם שמים מיט׳ן איבערגעבן זייער לעבן פאר׳ן אייבערשטן - ׳הקדוש חיים בן מוהר״ר יצחק הלוי׳! ער האט געבעהטן מען זאל געבן דעם ׳תליין׳ פינף און דרייסיג גילדן, אז ער זאל זיכער מאכן אז זיין בלוט און דאס בלוט פון זיין ברודער הקדוש ר׳ יהושע הי״ד זאלן זיך אויסמישן.

## אויפ׳ן שייטערהויפן

נאכ׳ן אויספיהרן די אלע פייניגונגען, האט מען די ׳הייליגע ברודער׳ - רבי חיים [וואס האט נאך דאן קוים געלעבט], און דער קערפער פון הק׳ ר׳ יהושע הי״ד - פארברענט אויפ׳ן שייטערהויפן במעמד פון טויזנטער ערלים וואס זענען געקומען צו פאהרן פון די ארומיגע געגנטער, מיטצוהאלטן דעם ספעקטעקאל. רבי חיים האט מקבל געווען אויף זיך עול מלכות שמים, און האט אויסגעשריגן מיט זיינע לעצטע כוחות ׳שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד׳ - ויצאתה נשמתו באחד.

### ׳שפתותיו דובבות בקבר׳

עס איז כדאי צו ברענגען אן אינטערעסאנטע הוראה וואס איז מיוחס צו הקדוש רבי חיים הי״ד, און עס ווערט געברענגט דורכ׳ן באקאנטן גאון רבי צבי יחזקאל מיכלזאהן זצ״ל הי״ד אבד״ק פלונסק, אין זיין ספר שו״ת תירוש ויצהר (בילגורייא תרצ״ז) סוף סי׳ קמ״ט. דער רב השואל וואונדערט זיך: ׳ווי אזוי קענען ׳רבנים׳ אנרופן זייערע ווייבער מיט׳ן טיטל ׳רעביצין׳, צי גייט עס דען נישט אריין בגדר ׳מיחזי כיוהרא׳? אין סוף פון די תשובה, ברענגט דער פלונסקער רב: ׳אין מיין יוגנט האב איך געהערט, אז דער קדוש רבי חיים [הי״ד] פון לעמבערג, האט באפוילן זיינע איידימער וועלכע זענען געווען רבנים, אז זיי זאלן נישט אנרופן זייערע פרויען ׳מיין ווייב׳ - נאר ׳די רעביצין׳ [הרבנית]׳.

31 אט דער עפיזאד, ווערט אסאך צוגעברענגט אין ספרים הקדושים, אלס לימוד ווי שטארק מ׳דארף זיך דערווייטערן פון רעדן גוי׳אישע שפראכן - ווי מיר האבן שוין אסאך מאהל געהערט פון כ״ק מרן רבינו שליט״א.

# יומא דהילולא

## א באזארגטע מאמע

אן אייניקל פון רבי יהושע הי״ד[32] האט דערציילט: ׳וויבאלד זייער מוטער - מרת רייצא ע״ה - האט געוואלט מאכן זיכער אז איר זוהן זאל אויסהויכן זיין לויטערע נשמה צווישן א מנין אידן, איז זי ארומגעגאנגען און צוזאמען גענומען א מנין אידן. זי האט יעדן איינעם פון זיי געגעבן א גאלדענעם רענדל מיט א פלאש וויין אויסצוטרינקען, זי האט זיי געהייסן זיך פארשטעלן ווי גויים און זיך דערנענטערן ביז ממש ארום דעם פייער, און דארט שטיין ביז נאך יציאת נשמה. - נישט קיין וואונדער אז די ברידער האבן זיך פארופען אויף די מאמע׳ס נאמען ׳רייצא׳ס׳!

די ׳בערלינער צייטונג׳, שילדערט ווי אזוי מ׳האט אויסגעפיהרט דעם אורטייל: ׳מיר פובליצירן די נאכווירקונג און דער סוף פון די געשיכטע. דאנערשטאג האט מען אויף צוויי אלטע[33] רבנים אויסגעפיהרט דעם אורטייל, און מען ערווארט עס אויסצופיהרן אויף נאך צוויי אנדערע רבנים[34]... איינעם האט מען זיין קערפער צוגעבינדן צו די שווענץ פון פערד..., מען האט דעם קערפער צושניטן און פארברענט... צוויי אידן האבן געפליכטעט קיין חאטין׳.

## צו קבר ישראל

די לעמבערגער קהלה האט זיך געלאזט קאסטן א גרויסע סומע געלט צו באקומען דאס פארברענטע אש פון די ׳הייליגע ברידער׳ הי״ד, כדי עס צו ברענגען צו קבר ישראל. דאס אש האט מען באגראבן נעבן מנוחת קדשו פון הגאון בעל חכם צבי זצ״ל, ווי אויך נעבן די קברים פון הקצין ר׳ נחמן שרענצילס ע״ה און זיין פרוי מרת רוזא ע״ה - באקאנט אלס ׳די גאלדענע רוזא׳. זיי האבן דערויף אויפגעשטעלט א גאהר הויכע מצבה, כמעט אזוי הויך ווי צוויי ׳קומות איש׳[35], און דערויף האבן זיי אויפגעקריצט דעם פאלגנדן נוסח:





בילדער פונ׳ם אלטן בית החיים אין לעמבערג, וואס אין איר ליגט באהאלטן דאס אש פון די ׳הייליגע ברידער׳ הי״ד - אמאל און היינט

## ׳זאת עבודת הלוים׳

וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה׳, והבערה ללהב יצאה ולחלק איברים, ולנתח לנתחים, הראש והפדר לריח נחוחים, ומדת הדין היתה עלינו מתוחה, ביום טבוח ערב שבועות כי נטה צל ערב הושחר פנינו, שנת פח״ת שוד ושבר למורא היינו, ומצאה אש ואכלה יסודותיהם, ה״ה האחים הקדושים, הרב המאור הגדול מורנו ורבנו מו״ה חיים ריש מתיבתא דשתי קהלות, נזר ישראל ועטרה, נהרג במיתה חמורה, ונדקר במדקרה, ואחיו הקטן פני יהושע חפר כלבנה, כמה שנים ישב בתענית מת בצמא ובנפש מרה, הרב מו״ה יהושע, בני מו״ה יצחק הלוי, שמסרו נפשם לקדש שם המיוחד בגבורה, וילכו שניהם בגזירה שוה נשרפו במדורה, ולא רצו שם הגדול להמירה, ויצאה נשמתם בקדושה ובטהרה, ואפרם אשר מוצל מאש שמו פה להטמינה, והוא צבור ומונח כאפרו של יצחק תמיד לזכרה, וכהרוגי מלכות עשרה, בזכות זה תנצב״ה.

היינט איז פון די מצבה ליידער מער נישט דא קיין זכר, פונקט ווי די איבריגע מצבות פונ׳ם בית החיים (א חלק פון דער בית החיים איז ליידער פארשוועכט געווארן).

32 מרת מרים פרומט ע״ה בת הג״ר איטשע׳לי זצ״ל ראבד״ק קראקא, בן הג״ר צבי דוד הלוי זצ״ל אבד״ק קראקא, א זוהן פונ׳ם אויבענדערמאנטן גאון ר׳ יצחק הלוי זצ״ל אבד״ק חעלמא וקראקא.

33 רבי חיים איז דעמאלטס געווען איין און פערציג יאהר אלט, און רבי יהושע איז געווען איין און דרייסיג יאהר אלט.

34 דער לעמבערגער רב און דער שטעריפער רב וועלכע זענען אנטלאפן.

35 אזוי שרייבט הג״ר עקיבא יהוסף שלעזינגער זצ״ל אין זיין ספר ׳לב העיברי׳, אין ׳מערכות ישראל - רבנו משה חאגיז׳ (חלק שני דף נ״א ע״א): ׳ואני בעצמי הייתי על קברתם (=של האחים הק׳ הי״ד) בשנת תרכ״ו, וראיתי מצבותם גבוה כמעט שתי קומות אדם׳. אלע מצבות אין די חלקה זענען געווען גאהר הויך.

די אלמנה פון רבי חיים זצ״ל הי״ד, הרבנית ליבא ע״ה, האט געלאזט אויפנייען א פרוכת, אויף וועלכן זי האט פאראייביגט די נעמען פון איר מאן און שוואגער הי״ד, און אויך דער נאמען פון איר טאכטער חי׳ ע״ה, וועלכע איז נפטר געווארן אין די תקופה ווען די פרשה האט זיך אפגעשפילט. זי האט מנדב געווען דעם פרוכת פאר די לעמבערגער שוהל - ׳מחוץ לעיר׳, ווי דער פרוכת איז (ווארשיינליך[36]) געהאנגען אויפ׳ן ארון הקודש ביז די מלחמה.

צוליב אט די פאסירונג, האט מען אין די יארצייט פון די קדושים זצ״ל הי״ד - ערב שבועות - יעדעס יאהר אראפגענומען דעם פרוכת פונ׳ם ארון קודש אין דעם ׳טורי זהב שוהל׳, און דער חזן האט פארגעזאגט דעם ספעציעל פארפאסטן ׳א-ל מלא רחמים׳.

כ״ק מרן אדמו״ר זצ״ל האט דערציילט, אז אין די ערשטע יאהרן פון די צווייטע וועלטס-קריג, ווען ער האט זיך געפונען אונטער די רוסישע הערשאפט, איז ער געפאהרן קיין קאמינקא אויף די יארצייט פון זיין זיידן הרה״ק ר׳ שלום מקאמינקא זצ״ל. ווען ער איז אריינגעקומען אינ׳ם דארטיגן בית המדרש, האט ער געזעהן אז ביים עמוד שטייט א ׳שויתי׳ אויפגעשריבן אויף אן אלטן קלף, לזכר נשמת דעם דארטיגן געוועזענעם רב - פון די הייליגע רייצא׳ס ברידער זצ״ל הי״ד, וועלכער איז אומגעקומען על קידוש השם.

מיר ווילן שליסן דעם ארטיקל, מיט די ווערטער וואס דער מהר״ם חאגיז שרייבט אויפ׳ן קדוש רבי חיים הלוי רייצעס הי״ד: ׳יפת״ח ה׳ אוצרו לקבל נשמת קדוש זה, שמימות רבי עקיבא[37] ועד עכשיו, לא קם כמוהו׳ (משנת חכמים).



די ׳טורי זהב׳ שוהל׳ ווי עס זעהט אויס היינט צוטאגס.

36 על כל פנים ביז טיף אינמיטן די ת״ר יאהרן, ווי עס ווערט באריכטעט.

37 עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן, די דברי הספד וואס מיר האבן געברענגט פון ספר פרחי שושנים, ווי רבי חיים האט דערמאנט רבי עקיבא׳ס אומקומען אויף קדושת השם הארט פאר זיין אייגענער אומקום על קידוש השם.





צייכענונג פון די ׳טורי זהב שוהל׳ הארט פאר די קריג (דער טויער לינקס, איז דער הויפט אריינגאנג, און דער טויער אויף דער רעכטער זייט איז די אריינגאנג צום ווייבער-שוהל), און א בילד ווי עס האט אויסגעזעהן ביים קריג.

## מקורות:

מצבת קודש ח״ג (לבוב תרל״ט), אנשי שם (קראקא תרנ״ה) אות קס״ו; מגלת ספר להגריעב״ץ (כת״י, ומהדורת ירושלים תשע״ב); כלילת יופי ח״א (קראקא תרמ״ח) דף ל׳ ע״ב, קל״ה ע״א; מכתב הג״ר צבי יחזקאל מיכלזאהן אבד״ק פלונסק בקובץ הבאר כרך שני חלק שלישי סי׳ עד אות ו׳; כתבי הגאונים (פיעטריקוב תרפ״ח) עמוד 25; ׳פרי הכרם׳ גליון ל״ה עמוד ה׳, ועוד ספרי לע״ז מחוקרים שונים. ●